**גוט שבת אלע אידן.** עשרת ימי תשובה איז געווען זייער א "ביזי" צייט אין דער הויף פונעם צדיק דער באבא סאלי זצ"ל. טויזנטע מענטשן זענען געקומען צו דעם צדיק'ס הויז אין נתיבות אין דעם דרום זייט פון ארץ ישראל. אזוי ווי עס איז איינגעפירט ביי רבי'ס, פלעגט א גרויסער עולם קומען אין די צייט צום באבא סאלי צו נעמען ברכות פאר א גוט יאר און א גמר חתימה טובה וכו'.

איין יאר אין עשרת ימי תשובה איז געקומען צום באבא סאלי א ספרדישער איד וואס האט געקענט דעם רב נאך פונדערהיים אין מוראקו. דער איד איז געווען א חשובער מענטש. ווען ער איז אנגעקומען קיין נתיבות איז ער גלייך געגאנגען צום באבא סאלי. דער צדיק האט זייער ווארעם אויפגענומען דעם איד, זיי האבן געשמועסט אביסל און געטרונקען א לחיים צוזאמען. (דער דרך פונעם באבא סאלי איז געווען אז בשעת'ן פראווענען האט מען געטרונקען און געגעסן צוזאמען.) נאך א שטיק צייט האט דער רב זיך אויפגעשטעלט און געזאגט אז ער וויל זיך אביסל אפרוהען. ער האט געבעטן אז יענער מענטש און אנדערע געסט זאלן ווארטן אויף אים און נישט פארלאזן דעם שטוב ביז ער וועט צוריקקומען אביסל שפעטער.

דער מענטש איז געבליבן אינעם שטוב פונעם רב ביז נאכמיטאג. עס איז געווארן שפעט און דער איד איז געווארן אומגעדולדיגט. ער איז דאך געווען א פארנומענער מענטש. דער רב האט געשלאפן און דער איד האט נישט געקענט ווארטן מער.

ער האט זיך אנטשולדיגט צו דער רב'ס משפחה און ער האט געבעטן אז זיי זאלן איבערבעטן דעם רב אז ער האט פשוט נישט געקענט בלייבן.

בערך א שעה נאכדעם וואס יענער איד האט פארלאזט דעם שטוב, האט דער באבא סאלי זיך אויפגעוועקט און ער האט אריינגערופן יענעם. רב אליהו, דער געטרייער שמש פונעם רב האט געזאגט צום רב אז דער איד איז שוין געגאנגען. "ער האט געווארט א לאנגע צייט, אבער ער האט נישט געקענט ווארטן מער."

"שנעל! לויף נאך אים און ברענג אים צוריק!" האט דער רב געזאגט מיט א ערנסטקייט אין זיין שטימע. רב אליהו האט געזאגט צום רב אז עס איז שוין צו שפעט. עס איז שוין געווען צו א לאנגע צייט צו קענען כאפן דעם מענטש, ער איז שוין זיכער ארויף אויף דעם באס און אוועקגעפארן. אבער, דער צדיק האט נאכאמאל געהייסן אז דער שמש זאל יענעם נאכלויפן.

רב אליהו איז געלאפן צום באס סטאציע אבער לויטן לוח אויפן וואנט האט ער געזען אז יענער'ס באס איז שוין אוועקגעפארן. דער שמש האט נישט געהאט קיין ספק אז יענער איז שוין געווען אויפן וועג ארויס פונעם שטאט. אבער, ער האט נישט געקענט צוריקקומען צום רב ביז ער וועט פרובירן נאך השתדלות צו טרעפן דעם איד. ער איז געלאפן צום נעקסטען סטאפ וואו דער באס האט געדארפט אדורכפארן. ער האט געוואוסט אז נעבן יענעם באס סטאפ האט געוואוינט א חבר פון יענעם. אפשר איז יענער געגאנגען צו זיין חבר בעפאר ער איז ארויסגעפארן אויפן באס?

ווען דער שמש איז אנגעקומען צום באס סטאפ האט ער געזען יענעם גרייט ארויפצוגיין אויפן באס. "האלט! האלט!" האט ר' אליהו געשריגן. "דער באבא סאלי וויל דיך זעהן יעצט! ער האט עפעס וויכטיג צו זאגן צו דיר!" דער מענטש איז ערשטוינט געווארן, אבער ער האט גלייך מסכים געווען צוריקצוקומען מיט ר' אליהו צום רב'ס הויז. אויפן וועג צום באבא סאלי האט יענער איד זיך געוואונדערט אויף די השגחה פרטית, ווייל ער האט געדארפט שוין לאנג צוריק פארלאזן נתיבות, נאר עפעס האט אים אויפגעהאלטן. "איך ווייס נישט באמת וואס האט מיך צוריקגעהאלטן פון פארן..." האט דער איד ווייטער געזאגט מיט א תמיהה אין זיין קול.

ווען ער איז אריינגעקומען צום שטוב פונעם באבא סאלי האט דער צדיק אים זייער ווארעם אויפגענומען מיט א הויכן "שלום עליכם!" אזוי ווי פריער אין טאג ווען יענער איד איז ערשט אנגעקומען.

"איך וויל אז דו זאלסט וויסן," האט דער באבא סאלי אנגעהויבן צו זאגן, "אז טאמער דו וואלסט נישט צוריקגעקומען, וואלט דאס יאר נישט געענדיגט פאר דיך! עס איז נגזר געווארן אויבן אז דאס וועט זיין דיין לעצטע יאר. אבער, דו ביסט דא! און איך וואונטש דיר א גוט געבענטשט יאר! לאמיר מאכן א סעודת הודאה וואס וועט זיין א כפרה!"

דער מענטש האט געגעסן צוזאמען מיטן צדיק אזוי ווי ער האט געהייסן. ווען דער איד איז אוועקגעגאנגען האט דער באבא סאלי זיך אנגערופן "שנה טובה!"

די פרשה רעדט די וואך וועגן די ענין פון אמונת צדיקים. די וואך זאגט משה רבינו ע"ה די שירה פאר כלל ישראל. ווען משה ענדיגט די שירה סוף פרשה, טוט די תורה דערציילן ווי משה שטעלט יהושע לעבן אים. באמת, האט נאר משה רבינו ע"ה געזאגט די שירה. אויב אזוי, פארוואס האט ער געהייסן אז יהושע זאל שטייען לעבן אים? רש"י הקדוש איז מסביר אז משה רבינו האט געוואלט ווייזן פאר כלל ישראל אז יהושע גייט ווערן דער מנהיג נאך משה רבינו'ס הסתלקות. פון דא איז אנגעהויבן די השתלשלות וואס גייט ווייטער ביז דעם היינטיגען טאג, ד"ה יעדער דור האט זיין צדיקים. אזוי האט משה רבינו געוואלט ווייזן פאר די בני ישראל. עס איז אזוי ווי משה רבינו האט אין די טאג פאר זיין הסתלקות פארגעשטעלט יהושע צו די בני ישראל, כדי די אידן וועלן גלייבן אין יהושע אויך.

יעצט, אז עס קומט פאר די גרויסע ימים טובים פון סוכות און שמחת תורה זאלן מיר אלע אויסנוצען דעם נאנטען שייכות וואס מיר קענען האבן צום צדיק. דורך דעם קענען מיר מקיים זיין די ווערטער פון די הייליגע תורה "ויאמינו בה' ובמשה עבדו" – און די בני ישראל האבן געגלייבט אין דעם באשעפער און אין דעם צדיק משה אויך. **גוט שבת אלע אידן.**